איה בײ אײך

בקרוב ממש

די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

די בחורים קריזיס

צו די חשוב'ע ארויסגעבער פון 'בקרוב פלאטפארמע'.

אלס איינער וואס טוט אין שידוכים, ווילן מענטשן פארשטיין פארוואס ביי מיידלעך גייט גרינגער א שידוך ווי ביי א בחור. מענטשן פרעגן מיר כסדר: "איז דען דא מער בחורים ווי מיידלעך? דארף א בחור זיין א מצוין אבער א מיידל דארף נישט האבן קיין מידות טובות און יראת שמים?".

די פאקט איז אבער, אז בחורים מוטשענען זיך ביי שידוכים פיל מער ווי מיידלעך, און ווי איך פארשטיי טוט בקרוב אויך בעיקר ארבעטן פאר בחורים אז זיי זאלן ווערן חתנים, ווי איידער אז מיידלעך זאלן ווערן כלות.

אלזא, אויב קענט איר אונז ארויסהעלפן, און מסביר זיין פאר די אלע וואס ווילן וויסן: פארוואס איז דאס טאקע אזוי? וואס מאכט אז די בחורים זאלן האבן א שידוכים קריזיס קעגן די מיידלעך וואס ס'איז נישט אזוי געפערליך?

און די מיליאן דאלערדיגע קשיא איז: איז פארהאנען א וועג עס צו פארמיידן?

הצלחה אין אייער הייליגע ארבעט, שמואל ג. בארא פארק.

א דאנק פאר אייער פראגע. און יא, ביי מיידלעך גייט עס גרינגער ווי ביי בחורים, עס איז נישט דא דערין קיין שום ספק.

די פאקט איז אז שדכנים זוכן צו טון אין שידוכים ווי די סוקסעס ראטע איז הויך, און די מעגליכקייט אז די שידוך וואס זיי טראגן אן וועט צושטאנדקומען איז באדייטנד, דאס ברענגט אז א בחור א מצוין אדער א בחור וואס קומט פון א "שיינע שטוב" וואס די טאטע איז אן אנגעזעהענע מענטש אין די געזעלשאפט, ווי א רב, ראש ישיבה, ראש הקהל וכדומה, האט דער בחור אטאמאטיש א דין קדימה אויף די שדכן'ס ליסטע.

יא, דער שדכן וועט זיך ענדערש אפגעבן מיט דער פיינער בחור אדער דער בחור פון א "שיינע שטוב", ווי דער בינוני און דער שוואכערע בחור, בעת וואס די 'גאנץ גוטע' בחור און דער שוואכערע בחור פון פשוטע ערליכע שטובער זיצן פארקלעמט און ווארטן טעג, וואכן, און חדשים אז די שדכן זאל פראבירן אנצוטראגן א שידוך פאר זיי אויך.

נאך א פאקטאר וואס שפילט א ראלע אין די געשאפענע מצב, איז די פאקט אז א שדכן ערווארט צו באקומען שכרו על פי פעלו, ער וועט ארבייטן שווערער אויב ער ווייסט ער אז ער וועט באקומען באצאלט פאר זיין שווערע ארבייט, דאס באדייט אז א בחור וואס די עלטערן זענען פארמעגליך און די שדכן קען ערווארטן צו באצאלט ווערן, וועט די שדכן זיך ענדערשט אפגעבן מיט דעם בחור און אים אנטראגן שידוכים אפי' אויב זיין דרגה איז נישט 'מצוין'.

ווידער, א בחור וואס דער טאטע איז נישט קיין נגיד וואס קען 'שמירן' דעם שדכן אז ער זאל ארבייטן פלייסיג צו טרעפן א פאסיגע שידוך פאר זיין בחור, בלייבט על פי רוב ווארטן ביז א שדכן וועט זיך דערמאנען אין אים, און אנטראגן א שידוך.

ווי עס שטעלט זיך ארויס האט דער בחור וואס טראגט נישט די מצוין סטאטוס און זיין טאטע איז נישט דער עתיר נכסין אדער טראגט דעם כתר שם טוב, א גאנץ שוואכע טשאנס אז א שדכן זאל זיך וועלן אפגעבן מיט אים, און עס איז איבריג צו זאגן אז רובא דרובא פון דעם היימישן ציבור פאלט אריין אין אט די קאטעגאריע, וואס האט פארמירט דעם ווייטאגליכן מציאות אז פילע פיינע בחורים ווערן מיט די צייט באקרוינט מיטן טיטל 'אלטע בחור' אן קיין זעהבארע ישועה אויפן האריזאנט.

די פאקט אז ס'איז ביי בחורים דא אזא זאך ווי 'א מציון', א 'עילוי' און א 'באמבע קאפ', און ביי מיידלעך נישט, נאר מיידלעך דארפן נישט צושטעלן אזויפיל ווי בחורים, זיי דארפן זיך נישט פארהערן מסכתות, אויפשטיין פארטאגס, לערנען ברציפות, נישט אויסרעדן מיט תפילין, וכהנה וכהנה אזוי ווייטער און ווייטער, האט א שטארקע השפעה.

אט דאס אלעס וואס פארלאנגט זיך פון א בחור און נישט פון א מיידל, מאכט אז ביי מיידלעך זאל נישט זיין דעם סארט פראבלעם, ממילא ביי די מיידלעך פאלן נישט ארויס די בינוני מיידלעך, און ווייטער די עכט שוואכע בלייבן אויך נישט שטעקן, ווייל זיי טרעפן זיך בחורים זייערס גלייכן.

קומט אויס אז דער גוטער בחור ווערט צעכאפט, דער שוואכערער בחור טרעפט זיך אויך זיין באשערטע, און דער בינוני בחור - וואס איז א גרויסע חלק פון ישיבה - בלייבט אויסגעשפילט און פארעלטערט זיך לײדער.

און טאקע פאר די סארט בחורים, די בינוני בחורים, איז 'בקרוב' דא.

בלויז צוויי יאר איז אדורך זינט די גרינדונג פון "בקרוב", און איר נאמען דערטראגט זיך ווייט, אלס "דער" ארגענעזאציע וואס איז די ריכטיגע תירוץ צו די 'שידוכים פראגע', און די קורצע צייט פון איר עקזיסטענץ, האט "בקרוב" שוין זוכה געווען צו זיין די ריכטיגע שלוחים און אויסגעפירט איבער " 200 שידוכים" כ"י.

מיר גאלאפירן ב"ה פאראויס גאר שטארק, מיט א ראטע פון א דורכשניט 3-2 שידוכים א וואך! כן יעזור ה' להלאה, און ארום "50 שדכנים ושדכניות" זענען אקטיוו אנגעשלאסן אין די סיסטעם פון בקרוב, ארבייטנדיג טעגליך אויסצופירן שידוכים און אויפרעכטן די בחורים צוגעטיילט צו זיי דורכ'ן סיסטעם.

ב"ה אז רובא דרובא פון די בקרוב באנוצער האבן נישט געברויכט זיין איינגעשריבן מער ווי געציילטע חדשים ביז די גליקליכע מנוט איז אנגעקומען און א "בקרוב" שדכן האט בס"ד אויסגעפירט א שידוך בשטו"מ.

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.

טעלעפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092

בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com